טעגליכע בלעטל מאנסי אומגעגנט - סקווירא

# לוח הציבור
מאנסי

T: 845.425.4300 E: ads@monseyluach.com
Subscribe: subscribe@monseyluach.com

Thursday, February 26, 2026 | ערש"ק פרשת תצוה - י' אדר תשפ"ו

## זמנים

| | היינט | מארגן |
|---|---|---|
| עלות השחר: | 5:22 | 5:20 |
| נץ החמה: | 6:34 | 6:32 |
| סו"ז קר"ש מג"א: | 8:45 | 8:44 |
| סו"ז קר"ש גר"א: | 9:21 | 9:20 |
| סו"ז תפלה מג"א: | 9:53 | 9:52 |
| סו"ז תפלה גר"א: | 10:17 | 10:16 |
| חצות: | 12:09 | 12:09 |
| מנחה גדולה: | 12:43 | 12:43 |
| מנחה קטנה: | 4:07 | 4:08 |
| שקיעה: | 5:45 | 5:46 |
| צאה"כ ר"ת: | 6:57 | 6:59 |

## שיעורים

| שיעור | |
|---|---|
| תהלים | נה-נט/מו-נ |
| משנה | כריתות ד, ג-ה, א |
| דף היומי | מנחות מז |
| מ"ב עמוד יומי | ח"ה קנ: |
| עמוד יומי | פסחים קיב: |
| מ"ב - דרשו | חזרה |
| דף הירושלמי | גיטין לח |
| מצוה יומית | תנו. לא לשמוע לנביא ע"ז |
| הלכה יומית | או"ח קנט, ג- ה |
| תניא | ומ"ש בגמ' - ספל"ב |

## וועטער

| | |
|---|---|
| היינט | 43°-27° זוניג |
| מארגן | 52°-32° טיילווייז פארוואלקענט |

## זמני שבת

שב"ק פרשת תצוה-זכור , י"א אדר תשפ"ו

הדלקה"נ: 5:30 ווידניץ: 5:14 סקווירא: 5:19

מוצ"ש: 6:59 ווידניץ: 6:42 סקווירא: 7:01

בס"ד



פורים מיט קולות

האט א לוסטיגן פורים ווי קיינמאל בעפאר!

צו באקומען די 5 נייע מוזיק קאלעקציעס:

צו באקומען און די געשעפטן ווי אויך ביי Loadio

אדער שיקט אן אימעיל צו Purim@koilos.org

קאמענטארן | ביישטייערן: קולות אפיס 718.669.7025

קולות
מוזיקאליש • מאראליש



# מצות קויפט מען מיט א חירות

פונעם בעקערי ביז אייער סדר טיש - אָנֶע יאך, אָנֶע דאגות,
בתכלית הכשרות ביותר, מיט א חירות - פרייהייט.

חירות
מצות גרינג. געשיקט. באקוועם.

באשטעלט שוין אייער מצות
845-444-3660
chairosmatzos.com
orders@chairosmatzos.com

אייער פריינט
מנחם שמואל געלב
יוסף טאבאק

סאטמאר בראדוועי | סאטמאר ראטלידזש - לאקעסט | סאטמאר קרית יואל | קערעסטיר | פאפא צעהלים | קוממיות | צאנז מצות | וויזניץ מאנסי | סאטמאר מאנסי | סאטמאר בני יואל

# שמחות

טעגליכע **שמחה** דערמאַנונגען

צו מעלדן אייער שמחה ביטע רופט:
**845.425.4300**



מזל טוב! **א שמחה אין מאנסי?**

דערמאַנט אייערע באַקאַנטע דורך עס מעלדן דאָ אינעם טעגליכן "לוח הציבור".

## שידוכים

החתן מאיר לייב נ"י
בן מוה"ר **משה יהושע סאפיר** הי"ו - מאנסי
בן מוה"ר שלמה עקיבא הי"ו
חתן מוה"ר מיכל דייטש הי"ו

**עב"ג**

שדכן: **אשת ר' אהרן גאלאנדויער - מאנסי**

הכלה שתחי'
בת מוה"ר **משה מיללער** הי"ו - מאנסי
בן מוה"ר אברהם הי"ו

## שלום זכר

מוה"ר **יעקב אברהם שטיין** הי"ו
בן הרב ישראל ברוך שליט"א | חתן הרב יששכר דוד וועבער שליט"א

**בביהמ"ד צמח צדיק וויזניץ** 52 Francis Pl.

## הולדת הבן

מוה"ר **נח טויבער** הי"ו
בן מוה"ר משה הי"ו | חתן מוה"ר יקותיאל יעקב גוטמאן הי"ו - בראזיל

## הולדת הבת

מוה"ר **נחמן טויב** הי"ו
בן מוה"ר אהרן הערש הי"ו | חתן הרב אברהם ברוך ראזענבערג שליט"א

מוה"ר **חיים מאיר שווארץ** הי"ו
בן מוה"ר משה הי"ו | חתן מוה"ר כתריאל סראלאוויטש הי"ו


"The Heating Cooling Doctor"
The Best in The Business for Repair of Every Type of Heating System-Boiler-Furnace-Mini Split-Thermostat-Radiator-Water Heater-Tankless System
Call 24 hours: 646-820-0196
The Heating Cooling Doctor

"The Commercial Refrigeration Doctor"
The Best in The Business for Repair of Every Type of Commercial-Refrigerator-Freezer-Walk In-Reach In-Merchandise Display-Ice Machines
Call 24 hours: 929-486-1587


**צו באקומען די לוח הציבור טעגליך אויף אימעיל**
**Subscribe@monseyluach.com**

### Emergency Numbers

| | |
|---|---|
| Emergency | **911** |
| Fire | 845.**425.9300** |
| Hatzalah - הצלה | 845.**425.1600** |
| מצילי אש | 845.**426.9111** |
| Dror - דרור | 855.**376.7911** |
| ביה"ח/ גחש"א הר שלום | 845.**400.2227** |
| ערשטע הילף דשיכון סקווירא | 845.**354.0222** |
| Chaveirim - חברים | 845.**371.6333** |

**לוח הציבור בארא פארק:**
**718.303.4300**
**mail@LuachHatzibur.com**

**לוח הציבור לעיקוואד:**
**732.696.4300**
**ads@lakewooddaily.com**

**Bad Credit? We Remove Late Payments From All 3 Bureaus**
**Call/Text: 845-325-2324**

**Fix & Flip - Newark NJ.**
**Single family house. Asking 315k (ARV 450k)**
**Call: 914-315-4061**








בית המדרש
# אהל רחל
ע"ש האשה החשובה מרת רחל ב"ר שמשון ע"ה

**4 Vincent Rd.** (Entrance Left Side Back)

## זמנים לפורים הבעל"ט

### שבת זכור:
קריאת זכור..............................בשעה 12:40

### תענית אסתר:
מנחה ומחצית השקל...............בשעה 6:30
מעריב וקריאת המגילה..........(בזמן ר"ת) 7:00

### יום הפורים:
תהילים בבוקר.......................בשעה 8:00
שחרית.................................בשעה 10:00
קריאת המגילה......................בשעה 11:00
מנחה...................................בשעה 5:30



צו אדווערטייזען אדער מעלדן אייער שמחה רופט: 845.425.4300




# חלקי בארץ החיים במעלת קדושים וטהורים

קויפט זיך איין א חלקה אינעם ביה"ח וואס איז אויסגעוועלט געווארן דורך צענדליגער רבנים, גדולי ישראל, און קהלות הקודש.

הר שלום איז דער גרעסטער היימישע חסיד'ישע בית החיים אין ניו יארק וואו עס זענען שוין פארקויפט געווארן טויזענטער חלקות פאר יראים ושלמים חסידים ואנשי מעשה.

- חלקות קהלות
- חלקת הרבנים
- חלקת כלל חסידי
- חלקות פאר משפחות און יחידים
- קיין מעמבערשיפ פארלאנגט
- גאר צוגענגליכע פרייזן

פאר מער אינפארמאציע אדער צו קויפן חלקות רופט:
**845.400.2227**

# האט איר שוין גערופן אייערע עלטערן היינט?



**Fixer Mentch**

- Furniture Assembly • Shelving
- Light Fixtures • Wall Patching, and more.

**845-453-2512**




*Got a Ticket?*
*Call*
# THE TICKET FIGHTER

We Fight
Parking •
Moving •
& Criminal •
Violations

*Call*
**718-954-4295**
**917-957-7545**

We also fight **E-ZPass** tickets

**פדיון הבן מטבעות**

שוין דא צו באקומען די נייע ספעציעל געמאכט פדיון הבן מטבעות ענבי,

פון ריין זילבער, מיט די ריכטיגע וואג, בהשגחת הרבנים,

צו באקומען אין אלע יודאיקה געשעפטן.

אדער רופט: 718-791-8250 (NY)
718-710-1134(Monsey)

BERRY'S Car Service בערים'ס

845.848.5555 מאנסי'ס אידישע טעקסי.

RESERVE CAR IN ADVANCE • BOOK STEADY TRIPS • LOCAL & LONG DISTANCE • HEIMISHE LADY DRIVERS • ארנטליכע אידישע דרייווערס



Lowest rates as of 2.20.26

| | DSCR SFR Purchase | DSCR SFR Cash-Out Refi | DSCR SFR Purchase | DSCR 5-10 unit Purchase | Fix & Flip |
|---|---|---|---|---|---|
| LTV: | 85% | 75% | 75% | 75% | 90/100 (90% Purchase/ 100% Construction) |
| PPP: | 5 Years | None | 5 Years | 5 Years | None |
| Rate: | 6.25% | 6.25% | 5.75% | 6.99% | 8.75% |

EQUAL HOUSING LENDER

YS Capital Group is a licensed mortgage lender. NMLS #2609746, and an Equal Housing Lender. Business-purpose loans only. Not for personal use. Not a commitment to lend. Terms may change.

YS CAPITAL the answer is yes.

Call today to get your mortgage started

718-831-2168 sales@yscapgroup.com



US MOBILE

$8 MONTH Unlimited Talk & Text

Switch Now! 878.205.0547 usmobile.com/kosher

Visit Our New Location! Across Evergreen
78 NY-59, Monsey, NY
Next to Satmer butcher











צו אדווערטייזן אדער מעלדן אייער שמחה רופט: 845.425.4300

# הילולא דצדיקא



**יארצייט פונעם טאג - י"א אדר - שנת תרצ"ו**

**רבי יוסף ראזין הגאון מראגאטשאוו, ובעמח"ס צפנת פענח**

**געבוירן:** שנת תרי"ח

**זיין טאטע:** רבי אפרים פישל ראזין

**זיינע איידימער:** רבי ישראל אבא ציטראהן. רבי אבא דוד גאלדפיין.

**זיינע רבי'ס:** רבי יאשע בער סאלאווייטשיק. מהרי"ל דיסקין. בעל 'מגן אבות' מקאפוסט.

מיר זענען ממשיך מיט די תולדות פונעם גאון הגאונים, וואס זיין גרויסער גאונות איז פארבליבן א שם דבר ביז צום היינטיגן טאג, און נישט אומזיסט. מיר האבן דערמאנט זיינע קינדער יארן און די יארן אלץ בחור, ביז ווען ער איז א חתן געווארן אין א גוטע שעה מיט די כלה הרבנית פערל, די טאכטער פון רבי משה יהודא הערשפינקל, א גורער חסיד פוןווארשא. נאך די חתונה איז ער געווען סמוך על שולחן חותנו פאר אכט יאר, אין יענע תקופה האט ער פארגעלערנט א שיעור אין גמרא פאר די למדנים פון שטאט. נאכדעם וואס זיין ערשטע רעבעצין איז ל"ע נפטר געווארן, האט ער חתונה געהאט בזוו"ש, מיר איר שוועסטער, הרבנית רבקה.

אין יאר תרמ"ט, צוויי יאר נאך דאס הסתלקות פון הגאון רבי ארי' לייב סמילוויצער, דער רב פאר די עדת החסידים אין שטאט דווינסק, האבן די חסידים, עפ"י עצתו פונעם 'מגן אבות' פון קאפוסט, אויפגענומען רבינו זצ"ל, וועלכער האט זיך געציילט צווישן די חסידים פונעם קאפוסטער רבי'ן, אז ער זאל דינען אלץ רב. ער האט דאס אנגענומען, און געהאלטן דעם תפקיד ביז צום לעצטן טאג.

איבער דאס רבנות אין דווינסק ווערט דערציילט אז ווען מ'איז געקומען אים אויפנעמען פאר רב, האט מען אים געבעטן ער זאל וויזן אן היתר הוראה, אבער ער האט נישט געהאט, און האט נישט געזען פאר וויכטיג דאס צו האבן, האט מען אים געזאגט אז היות ס'איז דא א תקנה פון די וועד ארבע ארצות אז מ'קען נישט אויפנעמען קיין רב נאר איינער וואס האט א היתר הוראה פון א רב מוסמך, מוז ער האבן א היתר הוראה אויף צו קענען ווערן רב, האט ער מסכים געווען צו גיין נעמען אן היתר הוראה.

מ'האט דאן אנגעהויבן זוכן א רב וואס איז פאסיג צו פארהערן דעם גרויסן גאון און עילוי, און מ'האט באשלאסן אז דער 'אבני נזר' פון סאכאטשאוו, וועט זיין דער וואס וועט אים פארהערן. ווען מ'האט געמאלדן פארן אבני נזר אז מ'ברענגט דעם גרויסן גאון רבי יוסף ראזין פאר א פארהער, האט דער 'אבני נזר' געלאזט רופן דעם גרויסן גאון רבי יואב יהושע וויינגארטן, דער רב פון קינצק און בעמח"ס 'חלקת יואב', אז ער זאל אים ארויסהעלפן ביים פארהער, וואוסענדיג אז דא גייט מען פארהערן א ריזן גאון.

ווען רבינו זצ"ל איז אנגעקומען צום פארהער, האבן די גאונים אים געפרעגט אויב ער קען טורי זהב, ווייל ס'איז פארהאן אן הסכמה פון די וועד ארבע ארצות אז מ'וועט נישט פסק'נען אן קיין ט"ז. רבינו זצ"ל, וועלכער פלעגט זעלטן לערנען דברי אחרונים, האט געענטפערט אז ער פסק'נט נאר פון ש"ס. האבן די גאונים אים געפרעגט, אויב אזוי, וואס וועט ער פסק'נען אויף פלייש וואס איז געשטאנען דריי טעג אן דעם וואס מ'זאל דאס זאלצן, וואס דאס איז א שאלה וואס ווערט נישט דערמאנט אין ש"ס, און ער האט געענטפערט אז אויף אזעלכע סארט שאלות, האט ער נאך געהאט א מאמע וואס פלעגט כשר מאכן פלייש אין שטוב.

אבער היות מ'האט אים געזאגט אז אויף צו פסק'נען שאלות דארף מען קענען ט"ז, איז ער אריבער צום ביהמ"ד אין סאכאטשאוו, ווי ס'איז געווען א שו"ע מיטן ט"ז, אבער ס'איז געלעגן אויפן אויבערשטן שאנק. רבינו זצ"ל האט גענומען א טיש און אויף דעם געלייגט א בענקל, און אזוי ארויפגעקראכן, און ארויסגענומען דעם ספר, און היות דאס קריכן איז אים געווען א טירחא, איז ער געבליבן זיצן דארט אויפן טיש און אדורך געלערנט דעם גאנצן ט"ז. ביים ענדיגן האט ער געזאגט "גאנץ גוט, גאנץ גוט", און ער האט אנגעהויבן דערמאנען די מקורות פון ווי דער ט"ז נעמט געוויסע זאכן, דאס איז א ירושלמי, דאס איז א תוספתא, און אזוי ווייטער.

אלץ רב אין דווינסק. ערשטע וועלט מלחמה. רב אין פעטערבורג. צוריק אין דווינסק, און נאך, אי"ה אין א קומענדיגן געלעגנהייט...

**זכר צדיק לברכה!**

בס"ד

# היסטארישע מכתב!

# פסק הלכה בענין צניעות הלבוש

## מאת רבותינו גדולי הדור שליט"א

ריש שתא תשפ"ו לפ"ק

**א) ענין הצניעות והפריצות בנשים אינו מדת החסידות או דבר התלוי במנהג וכדומה, אלא מן ההלכות שבתורה ומיסודי הדת, כשמירת שבת, כשרות, טהרת המשפחה וכדומה. ולכן יש בו דינים והלכות וגדרים כאשר בכל מקצועות שבתורה, המחייבים כל אדם מישראל כמו שאר כל ההלכות שהקב"ה מחייב אותנו לשמור לעשות ולקיים. ואם כי יש בענין הצניעות מקום להוספת חומרות וגדרים, וכל שיפור בזה חשוב מאד, מכל מקום עיקרי הדברים הם הלכות ברורות המחייבות את כל אדם מישראל ככל הלכות שבתורה, ואף יותר מזה, כיון שהם מעיקרי הדת.[1]**

**ב) כאשר אנו מדברים בזה בענין צניעות ופריצות בנשים, כוונתנו הוא לאופן הליכתה והתלבשותה של האשה ברחוב או בכל מקום שנמצאים אנשים. כלל הדברים בזה מה מותר ומה אסור הוא: אם היא הולכת או מתלבשת באופן שמצד טבעם של בני אדם היא גורמת גירוי לאנשים, הרי זה נכלל באיסור החמור של העברה על דת יהודית.[2] [3]**

**ג) הנהגה או התלבשות שמטבע העולם גורמים גירוי לא נעשתה היתר בגלל שהרבה נשים הולכות כן, ולא אמרינן דכיון שכבר נתרגלו בכך ליכא בזה משום גירוי, אלא כיון שהיא מתנהגת או מתלבשת באופן שבטבע העולם גורם גירוי, הרי זה אסור.[4]**

**ד) בענין פיאה נכרית: הנה לגבי עצם הנידון כבר דנו הפוסקים אם חשיבי כשערות עצמה ואסורה או לא והעולם נהגו להיתרא דלא חשיבי כשערות עצמה, אבל עכ"ז חובה להדגיש שלשה נקודות נחוצות:**

**א. אף בתולה שמותרת לילך בגילוי שערות עצמה, יש ג"כ דינים כיצד מותרת לילך בשערה** [עי' בזה מג"א סי' ע"ה סק"ג], **וכן בכל בגד של נשים, אף באופן שעצם הבגד מותר ללבישה מ"מ אסור ללובשה באופן של פריצות. וגדר הדברים בכל זה הוא, כאמור, אם ההתלבשות באופן ובצורה כזאת גורמת גירוי לאנשים הרי זה אסור. והוא הדין בפאה נכרית, הגם שאינה חשיבי שערות של עצמה אלא חשוב לכל הפחות כבגד, אסור מדינא לעשות הפאה באופן שמעוררת גירוי.** (ועי' בארוכה בספר הלבוש כהלכתו פרק יז שמביא פסקים וגדרים מכל גדולי הפוסקים בענין זה, ובכללם המהרי"ל דיסקין, החזון איש, הסטייפלער, הגריי"ש אלישיב, והגרח"פ שיינברג, והגר"ש וואזנר, ובסוף הספר במכתבים מכתב ה סעיף ו]

**ב. כוונת התורה היא להצניע השערות של נשואה,[5] ולדאבונינו מבלי משים משתמשים בכלי הנועד לכסוי והצנעה, לאמצעי של משיכת עין, ותשומת לב והכשלה** (על פי המכתב שנחתם ע"י הגדולים הגריי"ש אלישב והגרש"ז אורבאך והגר"ש וואזנר והגר"נ קרליץ זצ"ל) **לכן צריך ליזהר בזה. בשביל כך, כתבו הפוסקים שפאה נכרית ארוכה שגורם למשיכת עין ותשומת לב הוא בגד של פריצות ואסור על פי הלכה לילך בזה.[6] תן לחכם ויחכם עוד.**

**ג. 'לעיס שייטלעך' וכל הדומה לזה שתכליתו שיהיו נראה כצמחות מראשה, אסרו גדולי הפוסקים מארץ ישראל ומחוץ לארץ מדינא.[7]**

**ה) כיון שענין זה הוא דבר חמור מיסודי הדת ראוי לכל ירא שמים ליזהר בענין זה ולא לחפש קולות, ופשוט שרצון השי"ת הוא שתהיו בנות ישראל הולכות ומתלבשות באופן שמותר לכתחילה, ובפרט נשים חשובות [כגון נשים של מורי הוראה, מרביצי תורה, ותלמידי חכמים וכדומה] שאחרים לומדים מהן צריכות זהירות יתירה. לעשות מה שמותר לכתחילה ולא לסמוך על דיעבד, והעושות כן זכות הרבים תלוי בהן ויתברכו משמים בכל מילי דמיטב.** [עי' יומא פו. הכי דמי חילול השם וכו']

**ו) ובזכות הצניעות יעזרינו ד' שהקב"ה יתהלך אתנו להצילנו מכל רע ויברכנו בעושר ושפע רב ויהא לנו בנים ישרים תלמידי חכמים וקדושי עליון ובנים עוסקים בתורה הקדושה ובמצות ונזכה ע"י זה לביאת משיחנו במהרה בימינו אמן.**

הרב ארי'ה מלכיא'ל קוטלר | הרב ישראל צבי ניומאן | הרב דוד צבי שוסטאל | הרב ירוחם אלשין

הרב אלי' דב וכטפוגל | הרב יעקב אפרים הכהן פארכהיימער | הרב יצחק סורוצקין | הרב אשר חיים ליבערמאן | הרב שמחה בונם הכהן קאהן

הרב רפאל הלוי שארר | הרב אהרן פעלדמאן | הרב חיים שבת | הרב חיים מאיר ראטה

עפ"י פסק מורי הוראה שליט"א נשמטנו המראה מקומות

Help to spread קדושה by donating or comments, please call (732) 573-6087

צו אדווערטייזען אדער מעלדן אייער שמחה רופט: 845.425.4300

# לידיעת הציבור

## ספאנסער

שפארט אסאך געלט אויף אייער קאר אינשורענס, מיט אונזער דיפענסיוו-קלאס.
רופט אדער טעקסט יעצט גאו-דרייוו
845.600.4444
GoDriveMonsey@gmail.com
פארוואס לערנט יעדער דרייוון ביי גאו-דרייוו?
ווייל יעדער וויל דרייוון פראפעשינאל און שפארן געלט.

## שבת בחצרות הקודש

דעם שבת קומט פאר די שבת שבע ברכות פון חתן כלה אור אייניקלעך ביי כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א, אין ביהמ"ד הגדול אין שיכון סקווירא.

הגה"צ המשפיע ר' אלימלך בידערמאן שליט"א מלעלוב איז צוגאסט אויף שבת אין ירושלים, און וועט אפרעכטן די שבת אחים בליל שב"ק און שלש סעודות, אינעם גרויסן אודיטוריום אויף רחוב מנחת יצחק במקהלות הונדערטער תושבי העיר.

כ"ק אדמו"ר מסקולען וויליאמסבורג שליט"א ווייל אויף שבת אין מאנסי לכבוד די שבת שבע ברכות פון בנו החתן, און וועט אפרעכטן די תפילות און טישן אין די ווילהאוויץ זאל.

כ"ק אדמו"ר מזוועהיל שליט"א ווייל אויף שבת אין צפת, לרגל די שבת שבע ברכות בבית גיסו הגה"צ ר' חיים מאיר ארנסטר שליט"א, איידעם פון כ"ק אדמו"ר מזוועהיל זצ"ל בעל 'משנת שלמה', וואס קומט פאר אין ביהמ"ד מאור חיים ביים זיידן הגה"צ רבי אליעזר ארנסטר אב"ד מאור חיים צפת.

הגה"צ ר' יוסף אונגער שליט"א ראש ישיבה קטנה באבוב 45 בנו הגדול פון כ"ק אדמו"ר מבאבוב 45 שליט"א איז צוגאסט אויף שבת אין בני ברק, לרגל די הילולא קדישא פון זקינו הרה"ק רבי נפתלי צבי מבאבוב זצ"ל, און וועט פראוועגען די תפילות און שבת אחים אין ביהמ"ד באבוב 45 אויף רח' מלצר.
דעם שב"ק י"א אדר געפאלט די יומא דהילולא קדישא פון הרה"ק בעל מנחת יו"ט מסאסוב זצ"ל, בנו ממלא מקומו כ"ק אדמו"ר מסאסוב שליט"א וועט אפרעכטן די שבת התאחדות מיט קהל חסידיו, אין ביהמ"ד הגדול אין קרית ישמח משה גני תקווה.

**פדיון שבוים נא להתפלל דניאל אברהם בן עלקא**



BASIC PACKAGE SERVES 150 $1,589
SUPER PACKAGE SERVES 200 $3,389
DELUXE PACKAGE SERVES 250 $4,989
LADIES PACKAGE SERVES 50 $1,199
אינדערהיים אדער אין א זאַל,
דיין וואכנאכט איז מסודר.
Mashmanim CATERING + EVENTS
Order Mashmanim — 845.694.6141 — orders@mashmanim.com

**מיר פייטן אלע אייערע טרעפיק טיקעטס.**

ביליגע פרייזן

רופט אדער טעקסט
**347.565.4216**

**יעדע תפילה מאכט א רושם אין הימל!**

זייט מתפלל אז **נחמי' צבי בן דינה**
זאל באפרייט ווערן פון תפיסה בקרוב

Reserve the date!

# Kids shoe sale
# All shoes $50

Wednsday **שושן פורים**

Stolin Hall, 52 Main St 11:00 - 7:00

**Solid shoes**
**718-486-7463**

**הייבט זיך אן דעם מוצאי שב"ק.**
רעגיסטרירט אייך אין צייט!



**ADHD מענטשן שפירן עלנד**

איך האב אויך ADHD
איך פארשטיי דיר און איך קען דיר העלפן.
**מיין פרייהייט טעלע-קורס וועט דיר באקאנט מאכן וואס עס טריגערט דיר, אדער דיינע נאנטע.**

זע ווי עס קען דיר העלפן אנקומען ווייטער ווי דער ווערדזש מענטש

שמחה
נפתלי
קלאגסברוין

פרייהייט
די מהלך וואס טוישט דיין וועלט

6 שיעורים | $199 | ערשטע שיעור מוצאי שב"ק פרשת תצוה

זיך צו רעגיסטרירן ← 845.459.8898-8-3 // mentor@thefriehietcourse.com

Free Demo 8-1

# שבת ערציילונג



## דער שוחט

דער רבי, דער צדיק רבי זאב וואלף, באקאנט אלץ רבי וועלוועלע פון זיטאמיר, בעמח"ס 'אור המאיר', האט זיך ארויסגעלאזט אויף דעם לאנגן וועג קיין לובלין, ווי דער רבי האט אין פלאן צו פארברענגען איבער שבת קודש. ס'איז פרייטאג פארטאגס, און דער בעל עגלה פירט די פערד מיטן וואגן אריין אינעם וואלד וואס פירט פון זיטאמיר קיין לובלין.

פלוצלינג, אינמיטן וואלד, איז פארנט פונעם וואגן ארויסגעוואקסן דאס געשטאלט פון א רויבער, א ריז וואס זיין שרעקעדיגע געשטאלט האט געווארפן א פחד אויף ווער אימער ס'האט אים געזען. אין די האנט האט ער געהאלטן א ריזן שווערד און נאך פארשידענע כלי משחית האט ער געהאט צוגעטשעפעט ארום זיך. מיט געוואלד האט ער געצווינגען דעם בעל עגלה אז ער זאל אפשטעלן דעם וואגן, קיינער האט נישט פרובירט זיך קעגן צו שטעלן דעם גרויסן רויבער, די אנווועזנדע האבן בלויז געווענדן זייערע אויגן צום רבי'ן, אז ער זאל זען זיי צו ראטעווען מיט הימלישע כוחות פון אט די צרה. אבער ס'זעט נישט אויס ווי דער רבי טוט סיי וואס. ער איז פארזינקן אין זיינע מחשבות.

דער רויבער קומט ארויף אויפן וואגן, אלע ווארפן זיך פאר שרעק. דער רויבער האט פון זייי צוגענומען יעדן ווערטפולע חפץ וואס זיי האבן נאר געהאט מיטגענומען, אז זיי זענען געבליבן בחוסר כל ממש, אויך פונעם רבי'ן האט ער צוגענומען אלע ווערדפולע חפצים, און דער רבי האט זיך נישט קעגנגעשטעלט און נישט פרובירט אים אפצוהאלטן.

אויב האבן די רייזנדע געמיינט אז מיט דעם זענען זיי שוין אפגעקומען, האבן זיי ביטער געגרייזט, דער רויבער האט זיין צוגעבינדן אין קייטן, און זיי געשלעפט צו זיין בודקע וואס ער האט געהאט דארט אין וואלד. ווען זיי האבן אים געפרעגט וואס ער וויל נאך פון זיי האבן, נאכדעם וואס ער האט צוגענומען פון זיי אלע זייערע חפצים, און זיי קענען אים שוין סיי ווי גארנישט געבן, האט ער זיי פשוט און איינפאך געמאלדן, אז ער פארשטייט דאך אליינס, אז אויב ער וועט זיי לאזן גיין, דאן וועלן זיי באלד לויפן צו די פאליציי און זיי וועלן אים פאר'מסר'ן, און די פאליציי וועט דאך אים אוודאי קומען זוכן, ס'איז דאך נישט דאס ערשטע מאל וואס ער פירט דאך זיינע גניבות, און אלץ ווען איינער באווייזט צו אנטלויפן און קומט אן צו די פאליציי, ווערן זיי אלץ נענטער אים צו כאפן. דערפאר וועט ער נישט האבן קיין אנדערע ברירה, נאר ער וועט זיי מוזן אומברענגען, אזוי ווי ער טוט מיט אלע זיינע אנדערע 'קליענטן' וועמען ער פאלט איבער דא אין וואלד, אז נאכן צונעמען אלעס וואס זיי האבן, מאכט ער זיכער אז זיי זאלן נישט ארויסגיין קיין לעבעדיגע.

די אנוועזנדע האבן זיך אנגעהויבן בעטן ביים רויבער, אז זיי געבן אים אן הבטחה אז זיי וועלן פאר קיינעם נישט דערציילן, ער זאל זיי נאר לאזן ארויסגיין לעבעדיגע פון דארט. דער רויבער האט זיך געקאטשעט פאר געלעכטער, ער איז שוין געוואוינט צו הערן אזעלכע בעטערייען פון מענטשן, ער האט שוין ערפארונג אין דעם פאך, "יא יא, יעדער זאגט די זעלבע זאך, איך וועל נישט גיין צו די פאליציי, אוודא וועט איר גיין, וואס דען וועט איר טון אויב איר וועט זיין אויף די פריי", נישטא קיין וועג צו איבערצייגן פאר דעם הארטנאקיגן רויבער אז זיי וועלן טאקע נישט גיין צו די פאליציי.

מיט טרערן אין די אויגן, האבן די מקורבים און משמשים ביים רבי'ן זיך אנגעהויבן געזעגענען פון די וועלט, בשעת דער רויבער שלעפט זיי אן קיין רחמנות אריין צו זיין בודקע. זיי טראכטן איבער זייערע פאמיליעס וועמען זיי וועלן מער נישט זען, און איבער עניינים בינם לבין קונם אויף וועלכן זיי דארפן נאך תשובה טון. דער רבי אליינס, ער זאגט נישט גארנישט און טוט נישט גארנישט, זיין פנים איז פארזיגלט און אומליינבאר, די נאנטע מענטשן קוקן אויפן צדיק, און ווארטן צו הערן פון אים עפעס א ווארט, אבער ער איז שטיל, ער לאזט זיך שלעפן, אינאיינעם מיט די אנדערע, צום בודקע, און ער בלייבט פארזינקן אין זיינע הייליגע מחשבות, אן זאגן א ווארט.

אנקומענדיג אין בודקע, האט דער רויבער זיי אנידערגעזעצט אויף דער ערד, און ער האט אנגעהויבן זיך צוגרייטן צו זיין אקציע פטור צו ווערן פון זיינע קרבנות. אין יענע מינוטן, האט דער רבי ענדליך געבראכן זיין שטילקייט, און געפרעגט פונעם רויבער, אויב ער קען אפשר בעטן פון אים א לעצטע וואונטש, איידער ער גייט אים אומברענגען. דער רויבער, טאקע נישט גערן, האט אבער מסכים געווען צו הערן פונעם רבי'ן וואס זיין לעצטע וואונטש איז, "איך וויל זיך וואשן די הענט, און זאגן די ברכות און ליינען קריאת שמע של שחרית". נו, אויף אזויפיל האט דער רויבער מסכים געווען.

דער רבי האט זיך געוואשן די הענט, און אנגעהויבן זאגן מיט גרויס דביקות און כוונה, "אלוקי נשמה", מיט א געוואלדיגע נעימות, און מיט זיינע הייליגע תנועות, ווי געווענליך. דער רויבער איז געשטאנען אין די זייט

און זיך גוט איינגעקוקט אויף די תנועות פונעם רבי'ן, ווען פלוצלינג, איז דער רויבער אוועק געפאלן אויף דער ערד א פאר'חלש'טער. די מקורבים פונעם רבי'ן האבן געוואלט אויסניצן די געלעגנהייט און הייבן פיס און אנטלויפן, אבער דער רבי האט זיי געהייסן אויסווארטן ביז דער רויבער וועט זיך ערוועקן.

*******

אין שטאט זיטאמיר האט געוואוינט א איד, וואס האט געצויגן זיין פרנסה פון דינען אלץ שוחט. ווען ס'איז אנגעקומען צו די אויערן פונעם רבי'ן אז ס'איז פארהאן פראבלעמען מיט דעם שוחט, האט דער רבי אביסל נאכגעפארשט דאס ענין, און ווען ער האט געזען אז יש דברים בגו, האט ער געלאזט רופן דעם שוחט, און אים געלאזט וויסן אז דא אין שטאט וועט ער נישט קענען ווייטער אנהאלטן זיין פאסטן אלץ שוחט. דער איד האט פארשטאנען פארוואס דער רבי זאגט אים אפ, און האט, אן קיין סאך בירורות, אנגענומען די ווערטער פונעם רבי'ן.

עטליכע וואכן איז אריבער, און דער מצב הפרנסה ביי דעם איד אין שטוב איז געווארן זייער שווער, קיין אנדערע ארבעט האט ער נישט געקענט, און קיין שוחט האט דאך דער רבי אים נישט געלאזט זיין. דער מצב איז געווארן אלץ שווערער און שווערער, ער האט נישט געהאט קיין ברויט צו שטעלן אויפן טיש, און ער האט פארשטאנען אז ער מוז עפעס טון.

נו, אז נישט אין זיטאמיר, האט ער באשלאסן זיך אויפצוהייבן, און גיין זוכן אין אנדערע שטעט ארום און ארום, אויב ס'איז פארהאן עפעס א שטאט וואס זוכט א שוחט, א שטאט וואס איז נישט אונטער דעם רבי'ן פון זיטאמיר, און זיי קענען נעמען א שוחט, טראצדעם וואס אין זיטאמיר האט מען אים אפגעזאגט.

דער שוחט איז אנגעקומען צו איינער פון די ארומיגע שטעט, און האט זיך נאכגעפרעגט דארטן, ביי די פארוואלטונג פון די קהילה, אויב זיי זוכן אפשר אצינד א שוחט, זיי האבן אים אבער געענטפערט אז גראדע האבן זיי געזוכט א שוחט, נאר פונקט מיט עטליכע שעה פריער איז אנגעקומען אן אנדערע שוחט און זיי האבן יענעם געגעבן דעם פאסטן. מיט א צובראכן הארץ, האט דער שוחט פארלאזט דעם שטאט, ווייטער אן קיין פרנסה.

דער שוחט האט געריכטעט זיינע טריט צום קומענדיגן שטאט, אבער אינמיטן וועג איז ער פארביי געפארן א וואלד. אזוי פארנדיג פארטראכט, האט ער נישט באמערקט ווי ער בלאנדזשעט אוועק פונעם גראדן וועג, ביז ווען ער איז אנגעקומען טיף טיף אינעם וואלד אריין, און האט זיך דערזען אן קיין וועג ארויס. נאר דאס האט אים אויסגעפעלט, צו אלע צרות.

פלוצלינג זענען געקומען ארויס צו שפראצן א מחנה באוואפנטע רויבער, און זיי האבן זיך געגרייט אים צו איבערפאלן און בארויבעווען. דער שוחט האט געטראכט שנעל, און האט אין איילעניש געגעבן א נעם ארויס זיינע חלפים, די מעסער'ס פון די שחיטה, אזעלכע ריזן מעסער'ס, וואס האבן געווארפן א שרעק, און ער האט ערקלערט פאר די רויבער, אז אויך ער איז א רויבער און ער איז באהאוונט אין דעם 'פאך', און דאס זענען זיינע געצייגן, און זיי זאלן זיך בעסער נישט אנהייבן מיט אים. ווען די רויבער האבן געזען די ריזיגע מעסער'ס, האבן זיי פארשטאנען אז מסתמא איז דאס וואר, און דער פארשוין איז טאקע א גרויסע רויבער. האבן זיי אים געזאגט אז זיי גייען אים נישט בארויבען, נאר בתנאי אז ער וועט אריינקומען אין זייער גרופע, און ארבעטן מיט זיי איינאיינעם אויף צו בארויבען מענטשן. קיין אנדערע ברירה האט ער נישט געהאט, און ער האט דאס אנגענומען.

אין אנהייב האט דער שוחט זיך געמאכט דעם חשבון אז ער האט געמוזט אריינגיין אין די גרופע פון רויבער, ער האט דאך נישט געהאט קיין ברירה, און איז געווען ממש אן אונס, זיי האבן דאך אים געצווינגען, ווען נישט דעם וואלטן זיי אים זיכער גע'הרג'עט, איז דאך דאס געווען ממש פיקוח נפש. בכלל, איז ער נישט ארויס צו די רויבערייען אליינס, נאר ער איז אלץ פארבליבן אין די בודקע פון די רויבער, צו היטן דערויף פון אנדערע גנבים.

אבער צוביסלעך, האט ער אלץ מער און מער נאכגעלאזט פון זיין אידישקייט, און זיך אריינגעלאזט מער און מער אין די רויבערייען, אין וועלכן ער האט שוין אליינס אנטייל גענומען, און האט ליידער גאנץ פיין מצליח געווען, אזוי ארום איז ער געשטיגן אין ראנג ביי די רויבער, העכער און העכער, ביז ווען זיי האבן אים אויסגעקליבן צו זיין דער הויפט פון די גאנצע גרופע. יעדן טאג איז ער ארויס אין וואלד און ער האט בארויבט נאך און נאך מענטשן. ליידער.

*******

אט די געשיכטע האט דערציילט דער הויפט רויבער פארן רבי'ן און די מקורבים, נאכדעם וואס ער האט זיך ערוועקט פון זיין חלשות, און מיט ביטערע טרערן אין די אויגן, האט ער אויסגעפירט די געשיכטע צום רבי'ן, "הייליגער רבי, איך בין אט דער שוחט, וועמען דער רבי האט דאן אפגעזאגט, און איך האב זיך ליידער אזוי ווייט דערקייקלט. צום ערשט האב איך בכלל נישט דערקענט דעם רבי'ן, אזוי ווייט האב איך שוין פארגעסן פון אלעם, נאר ווען דער רבי האט אנגעהויבן זאגן 'אלוקי נשמה', מיט די הייליגע תנועות וואס איך האב געדענקט פון אמאל, האב איך זיך דערמאנט און פארשטאנען אז דאס איז טאקע דער רבי אליינס, וועמען איך בין איבערגעפאלן.

מיט הייסע טרערן און מיט אן אמת'ע חרטה, האט דער שוחט געבעטן פונעם רבי'ן, אז ער זאל אים אנווייזן א דרך התשובה. דער רבי האט געזען אז ער מיינט דאס אמת'דיג, און ער האט אים מיטגענומען מיט זיך אויפן וואגן קיין לובלין, ווי דער רבי האט אים געגעבן א דרך התשובה, און דער איד איז געווארן א בעל תשובה גמור, און איז געווען פון די יושבים אין ביהמ"ד אין לובלין.



# יארצייטן
## פון צדיקים און גאונים

### י' אדר

**תנ"ג** הג"ר **גרשון** ב"ר **יצחק אשכנזי** זצ"ל
עבודת הגרשוני

**תק"ל** הג"ר **יוסף יואל** ב"ר **יעקב אהרן היילפרין** זצ"ל
אב"ד סטעפין

**תק"פ** הג"ר **משה ארי'** בהג"ר **מאיר יהודה לייב עסטרייכער** זצ"ל
אב"ד קראלי

**תרכ"ז** הג"ר **יוסף ברוך** בהג"ר **קלונימוס קלמן עפשטיין** זצ"ל
ה'גוטער יוד' מנייששטאט

**תרל"ב** הג"ר **אייזיק צבי** ב"ר **שלמה** זצ"ל
אב"ד קאברין

**תרס"ו** הג"ר **מנחם ישכר** בהג"ר **אלימלך לאם** זצ"ל
מיעראסלוב

**תרס"ו** הג"ר **אלכסנדר משה** בהג"ר **צבי לפידות** זצ"ל
אב"ד ראסיין - אבני זכרון

**תר"פ** הג"ר **משולם זוסיא** בהג"ר **אברהם יהושע העשיל** זצ"ל
ממעזיבוזש

**תרפ"ט** הג"ר **אברהם זרח ארי' יהודה לייבוש** בהג"ר **משולם שרגא פייבוש** זצ"ל
מברעזאן

**תש"א** הג"ר **ארי' לייב** ב"ר **משה האלבערשטאם** זצ"ל
ממושינא

**תשנ"ה** הג"ר **נפתלי חיים** ב"ר **מרדכי יהודה אדלער** זצ"ל
מדזיקוב

**תשס"ג** הג"ר **דב בעריש אייזנשטיין** זצ"ל
ר"י חכמת שלמה

**תשס"ט** הג"ר **נפתלי צבי** ב"ר **אלכסנדר יו"ט ליפא לאבין** זצ"ל
מזידיטשוב

זכותם תגן עלינו ועל כל ישראל

# יזכרם

## זכרון שמות הנעדרים שלא הניחו אחריהם זש"ק

נא להדליק נר וללמוד משניות וכדו' לעילוי נשמתם

## י' אדר

צו ארייננשרייבן נעמען אימעיל List@yizkereim.info

